מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית צייט האטליין

זכרון ראובן יוסף
לע"נ הרה"ח ראובן יוסף
בן מו"ה אלכסנדר זושא ז"ל

פרשיות **בשלח - יתרו** תשפ"א ◆ עלון מס': **58**

## דברים שבלב

אויסציגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### עס האט נישט מצליח געווען - טאטע איך דאנק דיר!

לאנגע וואכן פון שווערע הארעוואניע האט דער פעלד ארבעטער אריינגעלייגט אין זיין פעלדל. ער האט געטון אלעס וואס מען דארף טון אז די שניט זאל ארויסקומען גוט און געלונגען. ער האט געאקערט, אפגעשניטן די דערנער, אויסגעריסן די שלעכטע גראזן, באוואסערט דער פעלד און געווארט אז די פעלד זאל ארויסגעבן שיינע און פרוכטיגע פירות מיט גרינצייג.

אבער דאסמאל האט אים דער פעלדל אנטוישט. די גרינס איז נישט געוואקסן און דאס ביסל וואס עס איז יא ארויסגעוואקסן איז נישט געווען אין מויל צונעמען.

דער פעלד ארבעטער ווערט בייז אבער צו זיין מזל ווייסט ער וואס ער האט צו טון אין אזא צייט. ער ווייסט ווער עס איז דער שולדיגער. עס איז נישט קיין צווייטער ווי דער פעלד אליין. ער וועט דערלאנגען דעם פעלד א פאר גוטע פעטש און אים אנלערנען אזוי ווי עס דארף צו זיין.

איבריג צו זאגן אז א מענטש וואס וועט זיך אזוי פירן וועט באטראכט ווערן ביי אנדערע ווי ער איז נישט ביים דעת. עפעס פעלט אים.

גענוי אזוי, זאגט דער הייליגער רבי אין חובת הלבבות, איז א מענטש וואס בעט א טובה פון א צווייטער און ווען דער צווייטער זאגט אים אפ ווערט ער בייז אויף יענעם, באטיטלנדיג יענעם אלץ א שלעכט הארץ, אדער פארקערט, ווען יענער האט אים יא געהאלפן גלייבט ער איז עס יענעם צו פארדאנקען.

דער וועלט אין וואו מיר לעבן היינט איז אויסגעשטעלט אזוי אז מערערע מאל דארפן מיר אנקומען צו אנדערע אבער עס געשעט זייער אפט אז דער ווען מיר האבן געבעטן די טובה וויל נישט העלפן אדער 'קען' נישט העלפן, און נאטורליך ווערן מיר אויפגערעגט און פארשטייען נישט פארוואס יענער פירט זיך אויף אזוי צו אונז.

אבער אז מען לעבט מיט די הדרכה פון דעם רבי'ן פארשטייט מען אז עס איז בכלל נישט יענער. אלעס איז פון אויבן און אלעס פירט זיך פאר די טובה פון אונז, אפילו מיר ווייסן נישט פארוואס עס איז אזוי. געגוי ווי דער פעלד ארבעטער איז נישט גערעכט ווען ער באשולדיגט די פעלד, זענען מיר נישט גערעכט ווען מיר באשולדיגן דעם צווייטן.

עס מיינט נישט אז מיר דארפן נישט בעטן ביי יענעם קיין טובה. די השתדלות פון בעטן א טובה ביי א צווייטן איז די זעלבע ווי ביי יעדער אנדערע השתדלות און ווען מיר טוען עס דארפן מיר עס טון אין די בעסטע וועג וואס מיר קענען, ווי אויסצוזוכן די בעסטע אדרעס פאר דעם ספעציפישן נושא. עס פאדערט זיך אויך פון אונז מיר זאלן מכיר טוב זיין פאר יענעם פאר זיין גוטהארציגקייט, אבער צוזאמען מיט דעם טאר מען נישט פארגעסן אז זיי זענען נאר שלוחים און די תוצאה ליגט ביים רבונו של עולם.

אסאך מאל נאכדעם וואס מען האט זיך דערנידערט פאר א צווייטן און יענער האט אונז נישט געקענט צושטעלן וואס מיר האבן געבעטן פון אים שפירן מיר זיך שלעכט. עס באדערט אונז. מען זאגט צו זיך אליין אז סתם אזוי האבן מיר יענעם געקלינגען, עס איז געווען אן אומזינסטע מיה, אבער דאס איז א טעות.

ווי ביי יעדע השתדלות פאדערט זיך פון אונז מיר זאלן עס טון. דער השתדלות איז דער רצון השם. דער בורא כל העולמים האט געוואלט אז מיר זאלן עס טון און עס זאל נישט מצליח זיין. עס איז א נסיון אז מיר זאלן ווערן אויספראבירט צי מיר זענען מקבל די וועגן פון השי"ת און גלייבן אין אים אז דאס איז פאר אונזער גוטס.

א איד וואס לעבט אזוי דאנקט השי"ת אלעמאל. סיי אויב ער זעט די גוטס, סיי אויב נישט. סיי אויב ער פארשטייט, סיי אויב ער פארשטייט נישט. סיי ווען עס איז געלונגען און סיי ווען עס איז דורכגעפאלן ווייל אלעס איז צום גוטן.

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### וועלכער קנעפל - דו וועסט נאר דרוקן

אמאל, נישט אזוי לאנג צוריק, איז דערווארט 'אומגלויבליך' געווען א טייל פון כמעט יעדער שמועס צווישן מענטשן.
זייער אפט האט מען געקענט הערן מענטשן נוצן דער אויסדרוק פון 'אומגלויבליך', רעדנדיג פון א געוויסע מציאות.
אבער, היינט צוטאגס, איז דער ווארט 'אוממעגליך' און 'אומגלויבליך', פארשווינדן געווארן פון אונזער לעקסיקאן, אלעס איז שוין 'גלויבליך', אלעס איז שוין 'מעגליך'.
יא, עס איז דא דער לעבן פון 'בעפאר' די קאראנע און די לעבן פון 'נאך' די קאראנע.
געגוי אזוי, מיט מער א טיפערער דערהער, איז דא די לעבן פון 'בעפאר' און 'נאך' וואס מען בינדט זיך אן צו די השגחה פרטית האטליין.
פאר לאנגע יארן האבן הונדערטער געלעבט אין א שטענדיגער זארג, פאר'דאגה'ט, גלייבנדיג אז עס איז אוממעגליך צו לעבן אנדערש. אויב איינער האט זיי געוואלט אויפקלערן אז אויך אידן וואס האבן שוועריגקייטן אין לעבן זענען צופרידן און רואיג, איז זייער רעאקציע געווען 'אומגלויבליך'.
אבער, היינט, נאכדעם וואס זיי האבן טועם געווען דער טעם, רעדן זיי שוין נישט מער אזוי! זיי זענען מודה אז יא, עס איז דא אזא זאך.
טויזנטער אזוינע רעקאציעס שטראמען אריין צו דער סיסטעם. מענטשן דערציילן וויאזוי זייער גאנצער לעבן האט זיך געטוישט מקצה אל הקצה, א דאנק דער האטליין.
לאמיר ענק מיטטיילן מיט עטליכע אזוינע עדות'ער.

**א איד פון אמעריקע זאגט עדות:**
מיט צוויי יאר האב איך פארלוירן מיין דזשאב צוליב א געזונטהייט פראבלעם. נאטורליך וואלט איך געדארפט זייער צובראכן ביי מיר, אבער א דאנק די געשמאקע שיעורים פון ר' דוד קלעצקין שליט"א אין שער הבטחון, בין איך גליקליך און צופרידן.
איך ווייס נישט וואו איך וואלט היינט געווען אנדעם.

**א תלמיד חכם מופלג דעקט אויף אינערליכע סודות**
שוין יארן וואס כ'גלייב נישט אין מיר אליין. לעצטנס האט די נידערגעשלאגענקייט צוגעטרעטן צום הארץ. איין נאכט, נישט קענענדיג כאפן די שלאף, האב איך אויסגעהערט די שיעורים פון ר' יהודה מאנדעל.
פון דעמאלטס אן בין איך א נייער מענטש!

**א געוועזענער בעל חוב דערציילט**
שוין יארן וואס איך מוטשע זיך מיט שווערע חובות און איך קריך נישט ארויס פון דעם. זינט איך האב אנגעהויבן אויסהערן די שיעורים פון ר' בעריש שנעבאלג שליט"א האב איך געטראפן מיין וועג ארויס פון זיין א בעל חוב.
היינט, לעב איך בהרחבה, אן קיין פעני חובות.

**אסאך אידן דערציילן**
ווען איך גיי אריבער א שווערע מינוט הייב איך אויף דעם טעלעפאן, איך הער אויס א שיעור, שמועס, אמאל נאר דער קול פון דעם מגיד שיעור און עס ווערט מיר גרינגער.
עס מאכט נישט קיין נפקא מינה אויף וועלכער קנעפל מען דרוקט ווייל אין יעדער שיעור טרעפט מען אמונה מיט בטחון און כוחות צו קענען אנגיין ווייטער מיט'ן לעבן.
א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## צוקערלעך פון הימל

דערציילט א בני ברק'ער יונגערמאן:
אין די שפעטע שבת ביינאכט שעות, ווען איך האב זיך צוריקגעקערט פון א רבי'שע טיש, האב איך זיך אנגעהויבן שפירן שלעכט, שפירנדיג ממש ווי איך גיי אויס.
פון מיין געבורט אן לייד איך אויף די צוקער קרענק. ביי צוקער ליידענדע, ווי באקאנט איז דא אן ערשיינונג אז מיטאמאל, אן קיין שום פריערדיגע ווארענונג, גייט דער צוקער א פאל אראפ אין א דראסטישער וועג און אין יענע מינוטן הענגט די לעבן אויף א האר.
די עצה - אין אזא מינוט איז צו עסן א זיסער זאך ווי א קענדי, אדער א טשאקאלד - וועלכער הייבט גלייך אויף די צוקער און באלאנסירט עס אויף צוריק.
אבער אין יענע מינוטן זענען מיינע טאשן געווען ליידיג. איך האב נישט פארמאגט אויף מיר קיין צוקערלעך אין מיין טאש און די גאסן ארום זענען געווען ליידיג פון מענטשן און איך בין געווען פארצווייפלט שפירנדיג ווי מיינע כוחות לאזן זיך אויס און אט אט...
איך האב אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל און געבעטן ביים אב הרחמים ער זאל מיר ראטעווען פון מיין איבערלעבעניש.
פלוצלונג, באמערק איך ווי א יונגערמאן, מיינער א באקאנטער גייט אריבער.
"אפשר האסטו ביי דיר עפעס א צוקערל?". געב איך אים א פרעג.
"יא" ענטפערט מיר און שטעקט אריין זיין האנט אין טאש און שלעפט ארויס פון דארט די צוקערלעך.
נאכדעם וואס איך האב זיי געגעסן און דער יונגערמאן זעט וואס דא גייט פאר, דערציילט ער מיר אז ער איז נישט דער קענדי סארט מענטש, קיינמאל גייט ער נישט אין גאס מיט צוקערלעך אין זיין טאש און אז זיכער זענען די קענדיס געשיקט געווארן פאר אים פון הימל אז ער זאל אים ראטעווען.
"איך קום יעצט פון א שלום זכר. ווען איך בין אראפ די טרעפ האבן קינדער פון אויבן אראפגעווארפן צוקערלעך אויף די טרעפ. ווען צוויי צוקערלעך זענען געפלויגן נעבן מיר, האב איך זיי אריינגעלייגט אין מיין טאש, ווען איך ווייס אליין נישט פארוואס איך טוה עס, אבער, יעצט, ווייס איך שוין איינמאל....". האט דער יונגערמאן אויסגעפירט.
צוקערלעך פון הימל.

## הונדערט מאל אזויפיל

מיין נאמען איז יוסף צבי גאלדשטיין.
מיט א שטיק צייט צוריק האט איינער פון מיינע נאנטע חתונה געמאכט א קינד. וויסנדיג אז עס איז נישטא מיט וואס צו צוגיין צו די חתונה האב איך, מיט נאך עטליכע פון די נאנטע, זיך אריינגעלייגט אין די לענג און אין די ברייט אויפטרייבנדיג געלט פאר דעם איד.
מיר האבן גערעדט מיט באקאנטע און מיר זענען ארום אין די שולן נאך געלט פאר דעם איד.
עס איז נישט די ערשטע מאל ווען איך גיי נאך געלט פאר צוועקן, און אזוי ווי איך בין זייער שטארק מקפיד נישט צו רעדן ביים דאווענען בין איך אויך מקפיד אז גייענדיג נאך געלט, זאל איך נישט מכשיל זיין אידן מיט'ן רעדן ביים דאווענען, גלייבנדיג אז פון רעדן ביים דאווענען קומט נישט ארויס קיין גוטס.
יעדע מאל ווען מען זאגט קדיש בלייב איך שטיין אויף מיין ארט אויסהערנדיג די גאנצע קדיש און איך ענטפער יעדער אמן און אז עס מאכט זיך אז א איד קומט צו און וויל געבן זיין נתינה, ווען איך האלט אינמיטן קדיש, ווייז איך אים ער זאל ארויסקומען אינדרויסן.
אויך ווען איך בין געגאנגען דאסמאל נאך געלט האב איך זיך געהאלטן צו מיינע פרינציפן, אבער דאסמאל האט מען מיר פון הימל געוויזן אז פון היטן און נישט רעדן ביים דאווענען פארדינט מען נאר.
איך האב געוויזן פאר א איד ער זאל ארויסקומען פון שול און ארויסקומענדיג זאגט ער מיר אז אין אנהייב האט ער געטראכט אז ער גייט מיר געבן פינף שקל אבער זעענדיג ווי איך בין אזוי שטארק מקפיד נישט צו רעדן ביים דאווענען געט ער מיר הונדערט מאל אזויפיל, ער האט מיר געגעבן פינף הונדערט שקל.
דערפון האב איך געלערנט אז אויך אין צדקה געלטער קומט אריין א ברכה ווען מען איז פארזיכטיג נישט צו רעדן ביים דאווענען.

## ומשפע מצות תפילין

א איד אין די פערציגער יארן איז זייער שווער קראנק געווארן מיט די קאראנע ווירוס. זיין צושטאנד איז געווען זייער שווער. די דאקטוירים האבן געזאגט אז אפילו אויב ער וועט עס

## א פרוכטיגע עלעוועיטער

ר' נטע סלאנים דערציילט א געשיכטע וואס ער האט געהערט ערשטהאנטיג פון זיין ידיד ר' דוד סופר פון די שטאט בית שמש:
מיט א יאר צוריק איז ביי ר' דוד געבוירן געווארן א קינד א וואך בעפאר חמשה עשר בשבט. אין די ערשטע וואך האט ער מיט זיין בני בית געוויילט ביי זייערע עלטערן און א וואך דערויף האבן זיי זיך צוריקגעקערט אין שטוב.
עס איז אויסגעקומען אז זיי האבן זיך צוריקגעקערט אין שטוב פונקט אין דער גרויסער טאג חמשה עשר בשבט.
נאך פון פריער האט ר' דוד אויסגערעכענט איינצוקויפן אסאך פרוכט לכבוד די שמחה און לכבוד חמשה עשר, אבער אנקומענדיג אין שטוב האט ער זיך דערמאנט אז עס איז אים ארויסגעפלויגן פון קאפ.
שטייענדיג נאך א וואך נישט זיין אין שטוב האט ר' דוד געטראכט צו זיך אז זיכער איז דא פאסט אין דער פאסט קעסטל און באשטעלט די עליוועטער אראפצוגיין צו די אונטערשטע שטאק. אין זיין פאסט קעסטל האט ער טאקע געטראפן פאסט, ער האט זיי ארויסגענומען וועלענדיג צוריקפארן אויבן.
זייענדיג פארטיפט אין די פאסט האט ער נישט באמערקט ווי איינער אנדערש האט באשטעלט די עליוועטער און אנשטאט עס זאל אנקומען צו זיין שטאק איז עס אנגעקומען צו צוויי שטאק נידריגער.
ספאנטאנישערהייט האט ער ארויסשפאצירט פון די עליוועטער ווען ער באמערקט ניטאמאל אז ער איז נישט אויף די ריכטיגע שטאק, ער דערנענטערט זיך צו די זעלבע טיר וואו ער וואוינט אין זיין שטאק און געט עס אן עפן.
נאר ווען ער איז שוין געווען מיט א פוס אינעווייניג טרעפט ער זיך אין שטוב פון דער חשובער רב ר' יהודה ניישלאס שליט"א וועלכער וואוינט אין די זעלבע בנין וואו ער וואוינט.
ער האט געוואלט ארויסלויפן אבער דער רב רופט אים צו, ער באגריסט אים מיט א הערצליכן מזל טוב און רופט זיך אן צו אים געב א קוק, די טיש איז פול מיט פרוכט, אליין קען איך עס נישט אויפעסן, אפשר נעמסטו א טייל.
דער רב האט מיר נישט ארויסגעלאזט פון שטוב אן א זאק פירות, אזוי אז דורך א גרייז אין שטאק, האב איך געקענט צוריק אהיימקומען מיט פולע הענט פון פרוכט.

## משה אדער ישראל, אדער גאר ישראל משה?

ווען מיין ברודער האט מיר אנגעקלינגען לעצטער וואך, בעטענדיג צי איך קען אזוי גוט זיין און דעפאזיטירן א טשעק אין באנק אויף זיין נאמען בין איך געווען סקעפטיש צי עס וועט ארבעטן.

נאכן אויסוועלן א שפראך קענט איר הערן די מעשיות

ווילט איר ווערן אינטערוויוט איבער א געשיכטע וואס איר האט מיטגעלעבט?

"איך פיל זיך נישט גוט און איך נויטיג זיך דרינגענד אין געלט אבער איך האב נאר ביי מיר א טשעק, לייג אריין דער טשעק אין דיין אקאונט און ברענג מיר קעש".

"איך מאך דיר עס זייער גערן אבער נעם אין באטראכט אז איך הייס משה קליין און דו הייסט ישראל קליין און אויף דער טשעק שטייט דיין נאמען און נישט מיין נאמען און דער טשעק איז אויסגעשטעלט אזוי אז מען קען עס אריינלייגן אין דיין אקאונט, נישט אין מיינס".

"דאס איז א פראבלעם?". האט זיך מיין ברודער געוואונדערט.

"שרייב צו ישראל משה, עס מאכט זיך אמאל אז דער מענטש האט נאך א נאמען און דער באנק ווייסט נישט פון דעם. זיי וועלן זיכער נישט מאכן קיין עסק דערפון".

איך האב געהאלטן אז ער איז נישט גערעכט אבער ווענדיג אים צופרידנשטעלן האב איך גענומען די ריזיקע, איך בין אראפ אין באנק און איבערגעגעבן דער טשעק פאר דעם באאמטע.

"דיין נאמען איז דאך ישראל און וואו פאלט דא אריין א משה". האט דער באנק באאמטער געזאגט און האט מיר צוריקגעגעבן דער טשעק אויפ'ן ארט. ווען איך בין אהיימגעקומען האב איך געזוכט וואו איך קען אוועקלייגן דער טשעק. זוכנדיג א גוטער ארט האב איך עס אריינגעלייגט אין די ציך פון מיין קישן ווען איך האב אינזינען אז אין די ערשטע געלעגנהייט וועל איך אפגעבן דער טשעק פאר מיין ברודער.

געציילטע טעג שפעטער האב איך דערהאלטן פון איינעם א גרויסער סומע געלט, זוכנדיג א גוטער ארט וואו עס אריינצולייגן האב איך אויך אריינגעלייגט דאס געלט אין דער קישן ציך.

איך האב קיין איינעם נישט דערציילט איבער די אוצרות וואס ליגן באהאלטן אין מיין קושן און געציילטע טעג איז אריבער און מיין פרוי האט אפגעצויגן די יילעך און עס אריינגעלייגט אין וואש מאשין עס צו וואשן לכבוד שב"ק.

נאר ווען איך בין אהיימגעקומען האב איך באמערקט וואס דא האט פאסירט אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. זי האט געהאט אויפגעהאנגען די יילעך אויפ'ן שטריק עס זאל זיך טרוקענען און אויסער זאגן גם זו לטובה איז מיר גארנישט געבליבן.

עטליכע טעג זענען אריבער און א יונגערמאן קלינגט מיר אריין.

"ביסטו אפשר ישראל משה קליין?".

"ישראל קליין". געב איך אים א זאג.

"אה, ווייל איך האב געטראפן עפעס א טשעק ליגן אויפ'ן גאס".

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ווען מיין בני בית האט אויפגעהאנגען דער קושן יילעך איז פון איר ארויסגעפלויגן די געלט מיט דער טשעק.ביידע האבן איבערגעלעבט דער וואש מאשין. דער רופער איז פונקט אריבער דארט און זעענדיג ווי עס פליעט געלט מיט טשעק'ס, האט ער זיך אראפגעבויגן און עס אויפגעהויבן.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אדאנק דער טשעק האט דער יונגערמאן געוואוסט וועמען צו רופן און פאר וועמען אפצוגעבן די געלט.

א דאנק די טובה וואס איך האב געטון פאר מיין ברודער, איז געראטעוועט געווארן מיינע געלט.

איך האב געטראכט אז איך טובה פאר מיין ברודער - למעשה האב איך זיך אליין געטון א טובה.

איבערלעבן, וועט ער ל"ע בלייבן אן זיין לינקער האנט, ווייל די אומשטענדן האבן צוגעפירט אז מען מוז עס אראפנעמען.

דער איד האט געהאט א פאר תפילין אבער שוין לאנגע יארן האט ער חושד געווען אז די תפילין זענען פסול אבער ער האט עס פארנאכלעסיגט און אלעמאל אפגעשטופט דער באהאנדלונג אויף מארגן.

ליגענדיג אזוי אויפ'ן קראנקן בעט באוואוסטלאז האט ער חתונה געמאכט א טאכטער, אן וואס ער זאל בכלל וויסן דערפון.

ווען דער נייער איידעם האט געהערט די געשיכטע מיט די תפילין האט ער באשלאסן אז ער גייט אפשיקן די תפילין צו א סופר. מען האט בודק געווען די תפילין און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די תפילין איז טאקע געווען פסול.

דער פרישער איידעם האט נישט געקענט קומען צו זיך, ער האט באשטעלט נייע תפילין פאר זיין נייער שווער און אין די טאג ווען ער האט זיי באשטעלט האט די שפיטאל געמאלדן אז זיין מצב פארבעסערט זיך און אויך, אז זיי האבן דערפונדן א שיטה ווי אזוי מען קען אויסהיילן זיין האנט, אן עס דארף אראפנעמען.

אין דער טאג ווען די תפילין איז אנגעקומען האט זיך דער איד אויפגעוועקט, ער האט געלייגט תפילין און זיין מצב האט זיך דראסטיש פארבעסערט.

אבער פון וואו האט א פרישער יונגערמאן געלט פאר תפילין? אויך דערויף האט מען געוויזן פאר'ן איד א צייכן פון הימל.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז א מומע פון אויסלאנד האט געשיקט חתונה געלט פאר די יונגע פארפאלק. ווען מען האט אפגעציילט די געלט איז עס געווען דער גענויער סומע וויפיל די נייע תפילין האבן געקאסט.

## עשר בשביל שתתעשר

איך בין א מלמד אין א תלמוד תורה. ווי דער שטייגער איז דרוקן די עלטערן אויס איינמאל א יאר זייער הכרת הטוב און פורים שיקן זיי משלוח מנות פאר דער מלמד און אויך געלט.

די פורים מסיבה רעכט איך אפ געציילטע טעג פאר פורים. נאך די מסיבה האבן מיר סארטירט די נאשעריי מיט די געלטער. די נאשעריי האט מען אריינגעלייגט אין א די עסן שאפע און די ענוועלאפס מיט די געלט האט מען אוועקגעלייגט עקסטער.

אזוי טראכטנדיג פון די געלט איז מיר איינגעפאלן אז די מעשר געלט וויל איך געבן פאר מיין ארעמער שוואגער און איך וויל עס אים געבן דווקא נאך פאר פורים.

פרעגנדיג אין שטוב וואו האט מען געלייגט דאס געלט איז דער ענטפער געווען אז מען האט עס געלייגט אין די זילבער שאפע. וועלענדיג אויספירן די מצוה גלייך, אן זיך פארזוימען, בין איך צוגעגאנגען אהין גרייט ארויסצונעמען די געלט.

איך קוק אויף אלע זייטן אבער ואיננו, דאס געלט איז נישט דא!

אינמיטן געב איך זיך א כאפ אז מען האט סארטירט אלע געלטער און אוועקגעווארפן אלע ענוועלאפס. גיי ווייס צי בטעות האט מען נישט אריינגעווארפן אהין אויך דער 'געלט' ענוועלאפ.

אין איילעניש בין איך אראפגעלאפן אונטן און זעענדיג מיין מיסט זעקל, האב איך עס ארויסגעשלעפט. איך האב עס געעפענט און וואונדער, דאס געלט איז געלעגן דארט....

ווען איך וואלט זיך נישט איינגע'עקשנ'ט צו מעשר'ן די געלט גלייך - וואלט איך געבליבן אן קיין געלט און אן קיין מעשר. אין זכות פון געבן מעשר האב איך מציל געווען מיין געלט.

## א פיבער מעסטער ראטעוועט פון גנבים

מיין נאמען איז דוב, איך וואוין אין ארץ ישראל און הערנדיג אויפ'ן ליניע די ערציילונג ווי אזוי דער נישט אפשטופן א מצוה האט צוריקגעברענגט פאר'ן מלמד זיין געלט, האב איך זיך דערמאנט פון א מעשה, ווי אזוי איך בין אמאל ניצול געווארן פון א גניבה אין זכות פון נישט אפשטופן א מצוה.

מיט אסאך יארן צוריק בין איך אין א טאג געזעסן אין דער שול פון מיין געגנט ווארטנדיג מען זאל דאווענען מעריב, ווען פלוצלונג קומט אריין א איד אין שול און דערנענטערט זיך צו מיר פרעגנדיג אויב איך קען אים אפשר געבן א פיבער מעסטער.

דער איד איז גוט באקאנט ביי אונז אין שול. ער איז אן עלנדער איד און פון צייט צו צייט, ווען ער דארף עפעס, פלעגן מיר אים העלפן.

איך האב געטראכט צו מיר אז א פיבער מעסטער איז נישט קיין סכנות נפשות, עס קען ווארטן, אבער זעענדיג די באזארגטקייט אויף דעם איד'ס געזיכט, האב איך זיך בארעכנט אז איך גיי עס נישט אפשטופן, איך גיי גלייך ארויפגיין אין שטוב.

איך האב געזאגט צו דעם איד אז איך גיי אים שוין ברענגען איינס און איך בין ארויף אין שטוב. לויט מיין חשבון האט זיך קיין איינער נישט געדארפט געפונען דעמאלטס אין שטוב אבער ווען איך האב פראבירט אויפצומאכן די טיר, האב איך באמערקט אז דער טיר איז פארשפארט מיט א קייטעל.

"אזא זאך טוט נאר א גנב". האב איך געטראכט צו מיר. דורך די טיר האב איך קינסטליכערהייט אויפגעשפארט דעם קייטעל און אריין אין שטוב.

איך בין געווען גערעכט. א גנב האט טאקע באזוכט ביי מיר אין שטוב. איך האב נאך אנגעיאגט צו הערן ווי אזוי ער קריכט ארויס פון פענסטער אבער ווייל איך בין אנגעקומען גלייך נאך אים האט ער נאכנישט אנגעיאגט צו גנב'ן גארנישט, מיין פארמעגן איז ניצול געווארן.

ווען איך האב געמאכט א חשבון האב איך געזען אז א דאנק וואס איך האב א טובה געטון דעם איד און עס נישט אפגעשטופט האב איך זיך געשפארט אסאך עגמת נפש.

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**ביי אונז אין די משפחה לויפט א גרויסע פעלער וועלכער דערוויטערט מענטשן זיך נישט משדך צו זיין מיט אונז. לעצטנס האבן מיר געהיפערט צוויי פון אונזערע קינדער אז די דריטע - גרעסטענע טאכטער זאל קענען א כלה ווערן. די מצב צוברעכט אונז זייער. מיר פראבירן זיך צו שטארקן, אבער לעצטנס האבן מיר זיך בארעכנט אז אפשר איז בעסער אז אנשטאט זיך צו שטארקן זאל מען משלים זיין מיט די מציאות אז דאס איז עס, דאס איז דער רצון השם, אזוי וויל השי"ת אז מיר זאלן זיך פירן'. צי איז דאס דער וועג?**

שאלה נומער 12

ל.ב. גני תקוה

## ישועה קרובה לבוא

**אסאך תשובות האבן געשריבן די זעלבע זאך און וועגן דעם האבן מיר פאראייניגט אלע תשובות אין דעם זעלבן סגנון אין איין ענטפער:** דו דארפסט נעמען אין באטראכט אז דער מצב אין וואס דו געפונסט זיך אצינד איז דער רצון השם. דער ענטפער מיינט נישט אז דו דארפסט ווערן געפאלן ביי זיך. פארקערט, עס דארף דיר צוברענגען צו מער אמונה און מער בטחון. עס איז א הויכע מדריגה, אבער צו די געהויבענע מדריגות קען מען נאר אנקומען נאכדעם וואס מען איז קלאר אין דער אויבנדערמאנטער יסוד אז אלעס איז א רצון השם.

## דער באהאלטענער גוטס

**הרב אהרן כהנא פון ירושלים:** א 'פגם אין א משפחה' איז א מתנה פון השי"ת, דו דארפסט נאר וויסן וויאזוי מען נוצט עס אויס. עס איז דא אזוינע וואס פארמעסטן זיך מיט א פגם אין די כלה וואס מען טראגט אן. עס וועט נישט געדויערן לאנג און דו וועסט טרעפן די באשערטע, עס וועט זיין א גוטער זאך, טאקע נישט פון די שענסטע משפחה, אבער א גוטער זאך.

**הרב חיים מאיר וואסערמאן פון בני ברק:** פון צדיקים זאגט מען נאך אז יחוס אין די משפחה איז נישט א מעכב. יעדער מענטש, פערציג טעג איידער ער קומט אראפ אויף די וועלט, רופט מען אויס אויף אים בת פלוני לפלוני און דאס גייט אויך אויף דיינע קינדער. בקרוב ממש וועסטו טרעפן א גוטער זאך.

**הרב רפאל מנחם טויסיג פון ירושלים:** ערשטנס דארפסטו וויסן אז די פעלער איז נישט עפעס וואס דו האסט געברענגט אויף דיר אליין, עס איז עפעס וואס מען האט דיר מיטגעגעבן פון הימל און ווער עס האט דיר עס געגעבן, וועט דיר שיקן אויך א שידוך פאר זיי. דאס אז דו ווייסט אז עס איז א פעלער איז שוין א האלבע ישועה און בקרוב וועט זיך הערן צוויי מזל טוב'ס אין דיין שטוב.

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** דו שרייבסט אז טראץ די פגם אין די משפחה וואס דו האסט איז דיין טאכטער געווארן א כלה. דאס איז א גוטער סימן, גלייב אין דעם און די ישועה וועט קומען בקרוב ממש.

**הרב דוד לייפער פון ירושלים:** עס גייט דיר שווער מיט שידוכים! פארגעס נישט אז גוטע זאכן קומען אן שווער. עסווארט דיר א גוטס. דו באקלאגסט זיך אז דו ליידסט פון א פגם אין די משפחה, א סימן אז דאס איז דיין איינציגסטע פראבלעם ביי דיינע קינדער. דאנק דער באשעפער אז נאר דאס איז דיין שוועריגקייט און דו ליידסט נישט פון אנדערע שוועריגקייטן.

## ישוב הדעת מיט שמחה

**הרב דוד ישראל פון בית שמש:** אין דיינע ווערטער שרייבסטו אז דאס איז דער רצון השם אבער צווישן די שורות זעט זיך אויס ווי דו זאגסט עס מיט א ביטערקייט. ווי דו ביסט משלים מיט די מציאות. בעסער זאג עס מתוך שמחה, ווייל פון צדיקים זאגט מען נאך אז מקבל זיין דער גזר דין בשמחה איז ממתיק אלע דינים.

**הרב שלמה שמעון ראטמאן פון בית שמש:** א הערצליכער מזל טוב פאר די שידוך פון דיין טאכטער. א איד האט זיך אמאל באקלאגט פאר הרה"צ ר' אלי ראטה זצ"ל אז עס גייט אים שווער מיט שידוכים. האט ער אים געזאגט: ווילסט פועל'ן א ישועה זיי זיך מתבונן ווי גוט עס גייט דיר, האסט א געזונטע פרוי, א געזונטע טאכטער, דאנק דערויף, ווייל נאר אזוי פועל'ט מען א ישועה.

**הרב רפאל שיינבערגער פון ירושלים:** עס איז זייער א שווערע איבערלעבעניש און איך בין זיך משתתף אין דיין צער, אבער איינוועגס דארפסטו אויך וויסן אז פאניקן און פרעשור האלט אפ די ישועה. בארואיג זיך וועסטו זען א ישועה.

### א שאלה פאר גליון 60

טאג טעגליך זאגן מיר ביים דאווענען 'ותן שכר טוב לכל הבוטחים בשמך באמת ושים חלקנו עמהם'.
לכאורה איז שווער, א] פארוואס עפעס בעט מען פונקט ביי השי"ת אז אויף בטחון זאל ער געבן שכר ב] וואס איז דער לשון פון 'באמת' צי איז שייך בטחון וואס איז נישט אמת'דיג? ג] פארוואס פונקט ביי די מידה בעט מען ושים חלקנו עמהם?

מ. א. ש. - ירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג משפטים. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

### רבותי! יעדער זאל אויסרופן: איך ווער נישט דערשראקן!

א טייערער יונגערמאן האט זיך פאר מיר באקלאגט אז ער ליידט זיך צוזאם אין שטוב ביטערע צרות, מען דערנידערט אים, מ'שרייט אויף אים, ער האלט עס מער נישט אויס, ער שפירט אז ער איז ביטערליך אריינגעפאלן.

איך גיב אים א קוק אן און כ'פארשטיי נישט, דער יונגערמאן איז א איידענע יונגערמאן, א ירא שמים. איך פרעג אים צוריק, און וואס גייט דיר אן וואס מען זאגט אויף דיר אין שטוב?

איינוועגס דערצייל איך אים אז איך ווייס אז אין שטוב שעצט מען אים זייער, און די השפלות וואס ער גייט אריבער נעמט זיך פון דעם אז די בני בית האט געהאט א שווערע יוגנט.

ווען מען איז זיך מתבונן אביסל טיפער וואס קוועטשט פאר דעם יונגערמאן טרעפט מען נישט עפעס אנדערש ווי די כבוד! ער איז א רודף כבוד. ער שפירט עס טאקע נישט, אבער,ליידער, איז ער געשלאגן מיט די מידה פון כבוד.

אין אמעריקע האט געוואוינט דער קאפיטשניצער רבי, ר' אברהמ'ניו. האב איך אמאל געבעטן איינער פון זיינע נאנטע זאל מיר דערציילן אביסל איבער די גדלות פון דעם צדיק. דער מקורב האט דערציילט אז ביי דעם צדיק האט כבוד נישט פארנומען קיין ארט.

ביי די קריג יארן האבן די דייטשע רשעים אים געוואלט דערנידערן. זיי האבן אים באפוילן אויסצוקערן די גאסן. מען קען זיך פארשטעלן וויאזוי דאס האט אויסגעזען, דער רבי שטייט אין גאס מיט א בעזים אין די האנט און קערט די מיסט, אבער עס האט אים נישט באריט, ער האט עס געמאכט מיט א שמחה.

מיר לעבן אין א וועלט פון סענסיטיווקייט. דער מענטש האלט אין איין ווערן באליידיגט. יעדע קרומע ווארט וואס איינער זאגט פאר א מענטש שאקלט אויף דעם מענטש ביז צו די טיפסטע טיפענישן פון הארץ.

מענטשן דרייען זיך ארום פארזויערט און פאר'דאגה'ט. מען זארגט זיך אז קיין איינער האלט נישט פון מיר, מען שעצט מיר נישט, מען האט באריט מיין כבוד.

רבותי, לאמיר מאכן א סוף צו דעם! גענוג איז גענוג. פון היינט און ווייטער דארף איך נישט אז קיין איינער זאל האלטן פון מיר. וואס וועט שוין זיין אז קיין איינער וועט נישט האלטן פון מיר? אז מען וועט מיינען אז איך בין נישט ביים זינען? עס געשעט נישט גארנישט, אדרבה, לאכסט פון די וועלט.

נאר מיט אזא בליק וועט איר קענען אויסרייסן די שלעכטע מידה פון כבוד המוציא את האדם מן העולם.

די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד דעם באקומער

איך האב זיך לעצטענס באנייט מיט א הערליכער און טייערער שטריימל. דעם ערשטן מוצאי שבת נאכן עס טראגן, האט מיין קינד אומווילנדיג ארויפגעגאסן דערויף א גלאז פון זיסע געטראנקען, דער שטריימל איז געווארן שמוציג און פארפלעקט. ווען נישט וואס איך הער זיך איין אסאך צום השגחה פרטית האטליין וואלט איך ארויס פון די גלייזן, אבער א דאנק דעם האב איך געזאגט 'גם זו לטובה' און עס מקבל געווען באהבה.
א דאנק אייך מזכי הרבים.

י.ש. ירושלים

### מצד די געבער

פאר פינף און א האלב יאר האט מיין פרוי פראבירט צו ווערן אנגענומען אויף א פאסטן אין פעלד פון חינוך, אבער וויפיל זי האט פראבירט איז עס נישט געגאנגען. איך האב זיך אונטערגענומען אז אויב זי באקומט א פאסטן וועל איך די ערשטע דריי חדשים אראפגעבן א חומש פון איר געהאלט פאר די מכון שער הבטחון. גלייך דערנאך האט זי אויף א וואונדערליכער וועג באקומען דארט א שטעלע.

ע.ו. בני ברק


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


# אן אייביגע הנצחה

**נתנדב גיווארן**
לעילוי נשמת
מורינו מוה"ר **אלכסנדר זושא**
ב"ר **מרדכי מנחם** ז"ל
עלה למרום ב' אדר א' תש"ס

מרת **מלכה** ע"ה בת ר' **משה**
עלתה למרום כ"ט שבט תנש"א


**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**
**קלינגט אריין אין אפיס**
**02-5866-075**
מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


**דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שפערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה**